# ניו יארק סיטי דארף מען זאל אייך ציילן!

## וואס איז דער צענזוס?

דער צענזוס ציילט יעדע מענטש וואס וואוינט אין די פאראייניגטע שטאטן.

דאס פאסירט נאר איינמאל יעדע צען יאר.

## דער צענזוס באשטימט:

- הונדערטער ביליאנען אין פעדעראלע געלטער פאר פובליק עדיוקעישאן, העלטקעיר, אפארדעבל האוזינג, אינפראסטרוקטור, און נאך.
- דער צאל זיצן וואס ניו יארק האט אין קאנגרעס.
- ווי אזוי מיר מאכן וויכטיגע באשלוסן לגבי לאקאלע פאליסי, עמערדזשענסי סערוויסעס, טראנספארטאציע, העלט קעיר, און נאך, באזירט אויף פונקטליכע אינפארמאציע.

### דער צענזוס אפעקטירט אונזער יושר'דיגע טייל פון הונדערטער ביליאנען פאר:

- די קינדער'ס העלט אינשורענס פראגראם (Children's Health Insurance Program, CHIP)-, עדיוקעישאן, טיטשערס, סופלייען, און נאך-שולע פראגראמען, אריינגערעכנט פאר קינדער מיט ספעציעלע געברויכן און די וואס קומען פון א נידריג-אינקאם הויזגעזינד.
- עדיוקעישאן פאר ערוואקסענע, דזשאב טרעינירונג פראגראמען, אריינגערעכנט פריאריטעט סערוויסעס פאר וועטעראנען, אויסלענדיש-געבוירענע, דיסעיבעלד, און יוסטיץ-פארבינדענע ניו יארקער.
- סעניאר צענטער פארבעסערונגען און פראגראמען, אריינגערעכנט מאלצייטן.
- אפארדעבל האוזינג אסיסטענס (סעקשאן 8), פארוואלטונג, פארריכטיגונגען, און פארבעסערונגען.

## דאס איז פארוואס מיר דארפן אז אלע ניו יארקער זאלן ווערן געציילט.

ווען איר ענטפערט צום צענזוס, פארעמט איר די צוקונפט פון אונזער קאמיוניטי.

אין 2010, האבן בלויז 62% ניו יארקער זעלבסט-אנטיילגענומען אין די צענזוס, אסאך ווייניגער פון די 76% נאציאנאלע דורכשניט.

**אויב מער ניו יארקער נעמען אנטייל אין 2020, וועלן מיר זען מער געלט פאר אונזערע שולעס, פאר העלט קעיר, און פאר פראגראמען און סערוויסעס אויף וואס מיר פארלאזן זיך יעדן טאג.**

NYC Bill de Blasio Mayor | CENSUS 2020 Julie Menin Director

# וואס פרעגט די צענזוס?

- וויפיל מענטשן וואוינען אדער שטייען איין אין אייער הויז
- מאן/פרוי, יארגאנג, ראסע, און עטנישע אפשטאם
- אויב אייערע הויז איז אייער אייגענס אדער געדונגען
- אייער היים אדרעס

**די 2020 צענזוס פרעגט נישט איבער אייער:**

- אימיגראציע אדער בירגערשאפט סטאטוס
- געהאלט
- סאושעל סעקיוריטי נומער

# אייער אינפארמאציע איז פארזיכערט!




- אלע ענטפערס זענען געהיים, געזעצליך באשיצט, און קען נישט ווערן גענוצט קעגן אייך אויף קיין שום אופן.
- לויטן געזעץ, קען די צענזוס ביורא נישט מיטטיילן קיין שום פערזענליכע אינפארמאציע מיט אנדערע רעגירונג אגענטורן, אריינגערעכנט געזעץ פארסירונג.

**שטראפן פאר ברעכן די געזעץ נעמען אריין ביז פינף יאר טורמע און $250,000 אין געלט שטראפן.**

# וויאזוי גרייט זיך ניו יארק סיטי צום צענזוס?

אין 2019, האט די דע בלאזיא אדמיניסטראציע געלאזט אין גאנג NYC צענזוס 2020, א ערשט-מאליגע צענזוס ארגאניזירונג איניציאטיוו צו פארזיכערן א פולקאמע און אקוראטע ציילונג פון אלע ניו יארקער אין די 2020 צענזוס. די פראגראם שטעלט פאר:

- די ניו יארק סיטי פאנד פאר א קאמפלעט קאונט, געשטיצט דורך די דע בלאזיא אדמיניסטראציע און סיטי קאונסיל פאנדינג, האט אינוועסטירט $19 מיליאן אויף צענזוס עדיוקעישאן און מאבילזאציע דורך די קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וואס ניו יארקער קענען און געטרויען.
- צוזאמענארבעט צווישן אגענטורן וואס וועט אויסנוצן דעם קראפט פון די סיטי'ס 350,000 שטארקע ארבייטסקראפט און די סיטי'ס הויפט אינסטיטוציעס, אריינגערעכנט לייברעריס, שפיטעלער, און גלויבן-באזירטע, קולטוראלע, און העכערע עדיוקעישאנעל אינסטיטוציעס.
- א סיטי-אנגעפירטע פיעלד און מארקעטינג קאמפיין צו דערגרייכן יעדן ניו יארקער. וואלונטירט אין אייער געגנט: nyc.gov/census

# ווען הייבט זיך דער צענזוס אן?




**מערץ 12, 2020**

**my2020census.gov**

צום ערשטן מאל, וועט איר קענען אויספילן די צענזוס אנליין, דורך די פאסט, אדער דורכן טעלעפאן, אין מערערע שפראכן.

קוקט אין אייער פאסט קעסטל פאר אינפארמאציע פון די צענזוס ביורא לגבי וויאזוי אויסצופילן דעם פארם.

יעדע NYC פובליק לייברערי פיליאלע און אסאך פארלעסליכע קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וועלן אויך צושטעלן הילף אויסצופילן דעם פארם.

ווערט געציילט מער:

**nyc.gov/census**

yi_08